בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת וארא, מברכים חודש שבט, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

## היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

## היכל הקודש וויליאמסבורג

Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

## היכל הקודש בארא פארק

Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

## היכל הקודש קרית יואל

Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

## היכל הקודש קרית יואל

Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

## היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו

Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

## היכל הקודש מאנסי

Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551


נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**


www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**


גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

**שבת קודש פרשת וארא, מברכים חודש שבט, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט אביסל פון ספר הקדוש חיי מוהר"ן סימן תמא.**

שרייבט דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה:

"פַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם רַבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף מֵעִנְיַן עֲבוֹדַת ה' כְּדַרְכּוֹ תָּמִיד", אמאל האט דער רבי גערעדט פון עבודת השם, "וְסִפֵּר לוֹ מָשָׁל", און דער רבי האט אים דערציילט א משל, "לְמֶלֶךְ שֶׁשָּׁלַח אֶת בְּנוֹ לַמֶּרְחַקִּים לִלְמֹד חָכְמוֹת", צו א קעניג וואס האט געשיקט זיין זון ער זאל גיין זיך לערנען חכמות אין א ווייטע לאנד. "אַחַר־כָּךְ בָּא הַבֵּן לְבֵית הַמֶּלֶךְ, מְלֻמָּד בְּכָל הַחָכְמוֹת כָּרָאוּי", ווען דער זון איז אהיים געקומען האט ער געקענט אלע חכמות אזוי ווי עס פאסט פאר אים. "פַּעַם אַחַת צִוָּה הַמֶּלֶךְ עַל הַבֵּן, לִקַּח אֵיזֶה אֶבֶן גָּדוֹל מְאֹד כְּמוֹ אֶבֶן הָרֵחַיִם, וְלִטֹּל וְלִשָּׂא אוֹתוֹ עַל עֲלִיּוֹת בֵּיתוֹ", איינמאל האט דער קעניג זיך געוואלט אויפטון מיט דעם זון, האט דער קעניג געזאגט פאר'ן זון ווייזנדיג אויף זייער א גרויסע שטיין: איך באפעל דיר, דו זאלסט נעמען דעם שטיין און עס ארויף ברענגען אויבן אין פאלאץ. "וּמִסְתָמָא לֹא הָיָה יָכוֹל הַבֵּן הַנַּ"ל לִשָּׂא וְלָרוּם אֶת הָאֶבֶן, כִּי הָיָה אֶבֶן גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד", דאס קינד האט נישט געקענט אויפהייבן דעם שטיין, ווייל עס איז געווען זייער א גרויסע שווערע שטיין. "וְנִצְטַעֵר הַבֵּן מְאֹד עַל שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְמַלֹּאת רְצוֹן אָבִיו הַמֶּלֶךְ", און עס האט זייער וויי געטון פאר'ן זון אז ער קען נישט ערפילן דעם ווילן פון זיין טאטע'ן דער קעניג, "עַד שֶׁגִּלָּה לוֹ הַמֶּלֶךְ דַּעְתּוֹ אַחַר־כָּךְ", ביז דער קעניג האט אים אנטפלעקט וואס ער וויל, "וְאָמַר לוֹ הֲיַעֲלֶה עַל דַּעְתְּךָ שֶׁאֲנִי אֲצַוֶּה עָלֶיךָ דָּבָר כָּבֵד כָּזֶה, לָקַחַת אֶת הָאֶבֶן כְּמוֹ שֶׁהוּא וְלִשָּׂא וְלָרוּם אוֹתוֹ, הֲתוּכַל לַעֲשׂוֹת דָּבָר זֶה עַל־פִּי חָכְמָתְךָ הַגְּדוֹלָה",

און אים געזאגט: וואס מיינסטו? איך וויל דיר הייסן טון א זאך וואס דו קענסט נישט, נעמען א שטיין אזוי ווי עס איז און דאס ארויף טראגן אויבן אין א פלאץ?! צי קענסטו דען דאס טון?! זיכער נישט! "אַךְ אֵין כַּוָּנָתִי לָזֶה כְּלָל", איך האב דאס בכלל נישט געמיינט, "רַק כַּוָּנָתִי הָיָה שֶׁתִּקַּח פַּטִּישׁ חָזָק וְתַכֶּה וּתְפוֹצֵץ אֶת הָאֶבֶן לַחֲתִיכוֹת קְטַנּוֹת, וּבָזֶה תּוּכַל לְהַעֲלוֹת אוֹתוֹ עַל הָעֲלִיָּה", איך האב געמיינט צו זאגן דו זאלסט נעמען א שטארקע האק און צעהאקן דעם שטיין אויף קליינע שטיינדלעך, אזוי וועסטו קענען צוביסלעך ארויף טראגן דעם שטיין אויבן אין פאלאץ.

פירט דער רבי אויס דעם נמשל: "כְּמוֹ כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צִוָּה עָלֵינוּ שֶׁנִּשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפַּיִם אֶל אֵל בַּשָּׁמַיִם", דער אייבערשטער האט אונז באפוילן מיר זאלן אויפהייבן אונזער הארץ צום אייבערשטן, "וּלְבָבֵנוּ הוּא לֵב הָאֶבֶן, וְהוּא אֶבֶן גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד", און אונזער הארץ - ווי אזוי עס זעט אויס - איז דאך נישט גוט, עס איז א פארשטיינערטע הארץ; א מענטש האט דאך אזא שווערע יצר הרע מיט אזעלכע שווערע נסיונות, איז דאס הארץ אזוי ווי זייער א שווערע שטיין, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהָרִים אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן", וואס מען קען נישט אויפהייבן צום אייבערשטן בשום אופן, וואס איז די עצה ווי אזוי מיר זאלן יא קענען צוקומען צום אייבערשטן? "רַק עַל־יְדֵי שֶׁנִּקַּח פַּטִּישׁ", מיר זאלן נעמען א האק, "וּנְשַׁבֵּר וּנְפוֹצֵץ אֶת לֵב הָאֶבֶן וְאָז נוּכַל לְהָרִים אוֹתוֹ", און צעברעכן און צעפיצלען דאס שווערע הארץ, אזוי וועלן מיר קענען ווערן נאנט צום אייבערשטן. איז דער רבי מסביר, וואס איז דער האק? "וְהַפַּטִּישׁ הוּא הַדִּבּוּר", דער האק איז דער דיבור, דאס רעדן, דורך דעם דיבור קען מען צוקומען צום אייבערשטן, "עַד כַּאן הַמָּשָׁל וְהָבֵן".

## דיבורי תורה און דיבורי תפלה

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער רבי זאגט נישט וואס דער 'דיבור' איז, ווייל דאס מיינט אלע דיבורים, סיי דיבורי 'תורה' און

סיי דיבורי ׳תפלה׳; דורכ׳ן רעדן צום אייבערשטן און זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה קען מען צוקומען צום אייבערשטן.

## דו האסט דאך א מויל

א מענטש קוקט זיך אן: ״ווי אזוי קען איך אנקומען צום אייבערשטן, איך בין דאך אזוי פארגרעבט, איך בין דאך אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, מיין מח איז דאך אזוי פארדריידט, איך טראכט דאך אזעלכע זאכן וואס זענען קעגן דעם אייבערשטן, ווי קען איך זיך אויפהייבן צום אייבערשטן?״ זאגט אבער דער רבי: דו האסט דאך א מויל, קענסטו מיט דיין מויל צעהאקן דיין שווערע הארץ און צוריק קומען צום אייבערשטן.

## שרייבט רבי נתן ווייטער:

״פַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁצְּרִיכִין לַעֲסֹק הַרְבֵּה בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְהִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ׳״, איינמאל ווען דער רבי האט גערעדט פון זאגן תהלים, תחנות ובקשות און שמועסן מיטן אייבערשטן – אז דאס איז דער עיקר אין עבודת השם. ״וְשָׁאַל אוֹתוֹ הָרַב רַבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה״, האט זיך אנגערופן ר׳ יודל זכרונו לברכה – א תלמיד פון רבי׳ן – און געפרעגט: ״אֵיךְ לוֹקְחִין לֵב (רְצוֹנוֹ לוֹמַר אֵיךְ זוֹכִין שֶׁיִּהְיוּ הַדִּבּוּרִים בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב)״, ווי איז מען זוכה צו זאגן תהלים און רעדן צום אייבערשטן מיט א געפיל, עס זאל ארויס קומען פון הארץ? ״הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה״, האט אים דער רבי געזאגט: ״תֹּאמְרוּ לִי אֵצֶל אֵיזֶה צַדִּיק קִבַּלְתֶּם הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב? הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה בַּפֶּה״, ביי וועלכער צדיק האסטו געהערט אז מען דארף האבן א געפיל און התעוררות? דער עיקר איז מען זאל רעדן צום אייבערשטן אפילו אן קיין שום געפיל און קיין שום טעם, ״רְצוֹנוֹ לוֹמַר לְהַרְבּוֹת בְּדִבּוּרִים שֶׁל תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בַּפֶּה, וְהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב בָּא מִמֵּילָא״, דער געפיל קומט פון זיך אליינס.

## ניצן דאס מויל

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס איז דעם רבי'נס עצה, מען זאל ניצן דעם דיבור, זאגן תהלים, מאכן התבודדות און זאגן משניות וכו', דער עיקר איז ניצן דאס מויל נישט קוקנדיג אויב מען שפירט דערביי אן התעוררות אדער נישט.

## טיף אין דער ערד

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה (שמות ו, ט): "וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", משה רבינו האט גערעדט צו די אידישע קינדער, ער האט זיי איבער געגעבן די רייד פונעם אייבערשטן, אבער זיי האבן נישט צוגעהערט צו משה צוליב דעם קורצן אטעם און די שווערע ארבעט. פרעגן אלע פארוואס האבן זיך די אידן נישט צוגעהערט, ער איז דאך געקומען זיי זאגן אז דער אייבערשטער גייט זיי אויסלייזן, ווָאלטן זיי געדארפט זיך פרייען דאס צו הערן? נאר דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן יא): ווען משה רבינו איז געקומען צו פרעה בעטן ער זאל ארויס שיקן די אידן פון מצרים ווייל דער אייבערשטער וויל זיי געבן די תורה ביים בארג סיני, האבן אים די כישוף מאכער'ס געפרעגט: "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?" דו ווילסט נעמען אידן וואס זענען 'עפרים' אזוי ווי ערד - אויף זייער א נידעריגע מדריגה, און אין זיי ווילסטו אריין ברענגען 'תבן' - געטליכקייט?! האט זיי משה רבינו געענטפערט: "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי", יא, מען קען נעמען א מענטש, אפילו ער איז טיף אין דער ערד, ער ליגט אין בלאטע, ער איז נעבעך אריין געפאלן אין גראבע עבירות, ער איז באמת א שטיק 'עפר', און אים צו ברענגען צו די גרעסטע מדריגות, אויב וועט דער מענטש אנהייבן זאגן, ער וועט אנהייבן ניצן זיין מויל, "הַיְנוּ עַל־יְדֵי הָאֲמִירוֹת וְהַדִּבּוּר שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי", דורכ'ן ניצן דעם דיבור פון רעדן צום אייבערשטן און זאגן די ווערטער פון די

הייליגע תורה, וועט ער זוכה זיין צו תשובה.

## זיי האבן פארלוירן דעם געפיל

דערפאר זאגט דער פסוק (שמות ו, ט): "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה", ווען משה רבינו איז געקומען זאגן פאר די אידישע קינדער דער עצה פון רעדן צום אייבערשטן און זאגן משניות, האבן זיי אים נישט געוואלט אויסהערן, פארוואס? "מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", ווייל דורך זייער שווערע ארבעט און גרויס צעבראכנקייט, האבן זיי פארלוירן דעם געפיל, זיי האבן נישט געשפירט קיין התעוררות ביים זאגן תהלים און רעדן צום אייבערשטן, דערפאר האבן זיי געמיינט אז דער עצה איז נישט געמאכט פאר זיי. אזוי ווי ר' יודל האט געפרעגט דעם רבי'ן: "ווי איז מען זוכה צו זאגן תהלים און רעדן צום אייבערשטן מיט א געפיל, עס זאל ארויס קומען פון הארץ?" האט אים דער רבי געענטפערט: "וואו האסטו געהערט איבער התעוררות? וואו האסטו געהערט איבער געפילן? דער עיקר איז טון! נעם א תהלים - הייב אן זאגן תהלים, נעם א משניות - הייב אן זאגן פרקים משניות".

## קוק אפילו נישט אויף זיך אליינס

מיר גייען שוין יעצט אריין אין די דריטע וואך פון שובבי"ם, דאס איז א זאך וואס יעדער קען טון, נעם א משניות, קוק נישט אויף קיינעם. וואס הייסט 'קוק נישט אויף קיינעם?' - קוק אפילו נישט אויף זיך אליינס; ווי אזוי איז געווען נעכטן, 'נעכטן האב איך נישט געזאגט משניות', קוק נישט אויף מארגן, 'מארגן גיי איך נישט זאגן משניות', קוק נאר אויף היינט, נעם א משניות און זאג משניות.

## דינסטאג איז שוין נישט אינטערעסאנט

די זעלבע זאך איז מיט'ן זאגן תהלים; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן

חלק ב, סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן זאל זאגן תהלים, ווייל תהלים איז מסוגל צו תשובה. זענען דא זייער אסאך אינגעלייט אין היכל הקודש וואס זאגן נישט קיין תהלים ווייל זיי קענען נישט ענדיגן גאנץ תהלים, ער מאכט זיך אזא חשבון: "פאריגע וואך האלט איך ביי 'יום שלישי', דריי וואכן צוריק האלט איך ביי 'יום חמישי', וואו זאל איך יעצט אנהייבן אינמיטן די וואך? קומענדיגן זונטאג הייב איך אן פריש פון יום ראשון'", דערנאך ווען עס קומט זונטאג זאגט ער ווייטער נישט קיין תהלים מיט'ן חשבון 'איך וועל משלים זיין מאנטאג דעם יום פוןביידע טעג', מאנטאג זאגט ער אויך נישט קיין תהלים, דינסטאג איז שוין נישט אינטערעסאנט, ער קען שוין נישט משלים זיין פון דריי טעג... אזוי זאגט ער נישט קיין תהלים.

## יִהְיֶה מְסַיֵּים תְּהִלִּים...

דער רבי זאגט: "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", ווער עס וויל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן זאל זאגן תהלים, דער רבי זאגט נישט: "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה מְסַיֵּים תְּהִלִּים"... ווער עס וויל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן זאל ענדיגן גאנץ תהלים. דער רבי זאגט 'זאג תהלים', דער רבי וויל נישט דו זאלסט ווערן א מאשין, נעם דעם תהלים און זאג דעם היינטיגן יום, זונטאג זאלסטו זאגן פון יום ראשון, מאנטאג זאלסטו זאגן פון יום שני, דינסטאג זאלסטו זאגן פון יום שלישי א.א.וו. קוק נישט וואס איז געווען נעכטן, און קוק נישט וואס גייט זיין מארגן, אזוי זאגט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

## צעהאקט ער זיין יצר הרע

אז א מענטש איז שטארק מיט די עצה פון רבי'ן, ער נעמט די 'אמירות

והדבור של איש הישראלי׳; ער זאגט יעדן טאג פאר׳ן אייבערשטן: ״**איך וויל זיין אן ערליכער איד**״, און דערציילט פאר׳ן אייבערשטן ווי שטארק דער יצר הרע מאכט אים משוגע רחמנא לצלן, און זאגט יעדן טאג אביסל תהלים, אביסל משניות און אביסל גמרא, צעהאקט ער זיין יצר הרע מער און מער.

## נאך א האק אויפ׳ן יצר הרע

און אפילו ווען מען זעט ווי עס גייט נישט, מען פאלט נאכאמאל און נאכאמאל אראפ, טאר מען זיך נישט לאזן צעברעכן, ווייל א מענטש איז נישט קיין מאשין, דער עיקר איז צו נעמען דעם האק און צוביסלעך צעהאקן דעם גרויסן יצר הרע. יעדעס מאל וואס א איד זאגט ארויס צום אייבערשטן די ווערטער: ״**רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד**״, ווערט דערפון נאך א האק אויפ׳ן יצר הרע, און נעמט אוועק אלע משחיתים און קליפות וואס קומען פון עבירות, זיי האבן מער נישט קיין כח צו קומען מקטרג זיין אויפ׳ן מענטש, ביז זיי ווערן אינגאנצן אויס.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א געזינגען לכבוד שבת מברכים א ניגון אויף די ווערטער: ״יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָּה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן״.